**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פריע פארענדיגונג פון 5.7 מיליאן דאלארדיגער 'גאנצע-געסער' פראיעקט אין סאראטאָגע ספרינגס**

***נייע ביציקל לעינס און טראטוארן לענגאויס היסטארישע Union Avenue פארבעסערט צוטריט צו Saratoga Race Course און צו די שטאט'ס שטאט-צענטער דיסטריקט***

***בילדער קען מען זעהן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג – היבש פריער פון פלאנירט – פון א 5.7 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט וואס האט צוגעלייגט א נייע טראטואר און ביציקל לעין אויף Union Avenue אין די סיטי אָוו סאראטאָגע ספרינגס, פארשטערקערנדיג די זיכערהייט און פארבעסערנדיג צוטריט פאר ביציקליסטן און פיסגייער צו די היסטארישע Saratoga Race Course און צו די שטאט'ס לעבהאפטיגע שטאט-צענטער ביזנעס דיסטריקט. דער פראיעקט, וואס האט אויך ארייגערעכנט דאס איבערגיסן די פעך אויף Union Avenue, איז פלאנירט און געבויט געווארן צו נאכקומען די ציהלן פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס (New York State Department of Transportation, NYSDOT) "גאנצע געסער" (Complete Streets) איניציאטיוו צו ארייננעמען אין באטראכט זיכערע, באקוועמע צוטריט פאר אלע באניצער פון די גאס, אין יעדע עלטער, מיט אדער אן דיסאביליטיס.

"די סיטי אָוו סאראטאָגע ספרינגס איז איינס פון אפסטעיט ניו יארק'ס שענסטע דעסטינאציעס, און מיט די פארבעסערונגען, האבן מיר דאס גרינגער געמאכט פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך צו אנדעקן אירע פילע באחנ'טע אייגנשאפטן אן דארפן פארן מיט א קאר", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אויסברייטערן צוטריט פאר ביציקליסטן און פיסגייער אריבער ניו יארק סטעיט, קענען מיר העלפן רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס בשעת'ן אויך שטופן פאר געזונטערע טראנספארטאציע מיטלען און מער פארוויילונג געלעגנהייטן און טוריזם, זאכן וואס בענעפיטירן אונז אלע."

Union Avenue, וואס איז אויך באקאנט אלס סטעיט רוט P9, פארבינדט זיך צו די עדיראָנדעק נאָרטוועי (אינטערסטעיט 87) ביי עקזיט 14, זייענדיג איינס פון די עיקר געסער פון וואו צו אנקומען צו סאראטאָגע ספרינגס און צו די היסטארישע פערדן פארמעסט טרעק וואס ציהט צו מער פון 1 מיליאן באזיכער יערליך. די קשר צווישן סאראטאָגע'ס היסטאריע פון פערדן פארמעסטן און די גאס איז גוט אוועקגעשטעלט. אין 2022 האט גאווערנער האקול דעזיגנירט Union Avenue אלץ "מערילו וויטני וועי" (Marylou Whitney Way) אין נאמען פון די פילאנטראפין און באקאנטע פרוי פון די סאראטאָגע קאמיוניטי.

אלס טייל פון דעם פראיעקט האט NYSDOT אינסטאלירט א נייע טראטואר וואס קומט נאך די פאדערונגען פון דעם 'אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ' (Americans with Disabilities Act)

אויף די צפון זייט פון Union Avenue צו פארבינדן Polk Avenue און די New York Racing Association געיט מיט 16 East Avenue. פינף-פוס-ברייטע ביציקל לעינס זענען געפארבט געווארן אין ביידע ריכטונגען צווישן East Avenue און Henning Road.

א שטרעקע פון אומגעפער דריי מייל פון Union Avenue, צווישן East Avenue און די בריק העכער די סאראטאָגע לעיק, איז פונדאסניי אויסגעפלאסטערט געווארן און נייע אפלויף סטרוקטורן זענען צוגעלייגט געווארן צווישן East Avenue און Henning Road צו פארבעסערן שטורעם וואסער אפלויף. קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אין אפריל פון 2023, און עס איז אפגעשטעלט געווארן דורכאויס די זומערדיגע פערדן פארמעסטן סעזאן כדי צו פארמינערן שטערונגען צו טראפיק. די ארבעט איז פארענדיגט געווארן היבש פאר די פלאנירטע פארענדיגונג דאטום אין פרילינג פון 2024, א דאנק די אונטערגעיאגטע ארבעט דורך NYSDOT איינגעשטעלטע און קאנטראקטארס.

גאנצע-געסער פראיעקטן נעמען אין באטראכט די באדערפענישן פון פיסגייער, ביציקליסטן, פובליק טראנספארטאציע באניצער, דרייווערס, קינדער, עלטערע מענטשן און מענטשן מיט דיסאביליטיס. גאנצע-געסער דעזיינס ביישטייערן צו א ריינערע און מער ענווייראמענט-פריינטליכע טראנספארטאציע סיסטעם. אין דעצעמבער האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו צושטעלן נאך שטיצע פאר לאקאלע "גאנצע-געסער" פראיעקטן אריבערן סטעיט.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טערידזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט אז טראנספארטאציע נעטווארקס אין די 21'סטע יאר הונדערט מוזן פארשטערקערן און פארבינדן קאמיוניטיס בשעת'ן אויך פארבעסערן צוטריט פאר אלע וואס באנוצן זיך מיט די סיסטעם, צי זיי גייען צופיס, רייטן אויף א ביציקל אדער דרייוון. דער 'גאנצע געסער' פראיעקט אין סאראטאָגע וועט דאס גרינגער מאכן צו באזוכן די היסטארישע Race Course און אנדערע אטראקציעס אין די הערליכע שטאט אן דארפן דרייוון, און דאס מיינט וויניגער קארס אויפן שאסיי, נידעריגערע קארן עמיסיעס און ריינערע לופט."

**סטעיט סענאטאר דזשים טעדיסקאָו האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון נייע ביציקל לעינס און טראטואר לענגאויס די היסטארישע Union Avenue אין די הערליכע סאראטאָגע ספּרינגס וועט זיין א פריידיגע בענעפיט פאר איינוואוינער און באזיכער צו די 'ספּא שטאט' און העלפן פארמערן זיכערע צוטריט צו די Saratoga Race Course און צו די שטאט-צענטער. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די NYS DOT פאר זייער שטיצע פאר די וויכטיגע אינפראסטרוקטור איניציאטיוו אין די 44'סטע סענאט דיסטריקט."

**סאראטאָגע קאונטי באורד אָוו סופּערווייזארס טשערמאן, טעאדאר ט. קוסניערז דזשוניאר, האט געזאגט,** "סאראטאָגע קאונטי איז פרייליך צו אנאנסירן צוזאמען מיט גאווערנער האקול די פארענדיגונג פון נייע ביציקל לעינס און פארבעסערטע פיסגייער צוטריט לענגאויס די היסטארישע Union Ave. דער פראיעקט שטעלט צו נייע טראנספארטאציע געלעגנהייטן אין סאראטאָגע ספרינגס פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך. מיר זענען דאנקבאר פאר די ניו יארק סטעיט DOT פאר זייער פעלזן-פעסטע ארבעט צו פארענדיגן דעם פראיעקט בעפאר די סקעדזשול."

**סיטי אָוו סאראטאָגע ספרינגס מעיאר ראַן קים האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר צו האבן אינסטאלירטע נייע ביציקל לעינס און טראטוארן אויף Union Avenue. די מאדערניזירונג פארגרינגערט די צוגענגליכקייט פון אונזער וואונדערבארע שטאט-צענטער געגנט צו די NYRA און צוריק. איך בין שטאלץ מיט די 'גאנצע געסער' איניציאטיוו, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו מאכן סאראטאָגע ספּרינגס פאר א זיכערערע, באקוועמערע שטאט פאר יעדן."

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

פאַלאָוט די ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT. טרעפט אונז אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT. פאר "טוויטס" פון ניו יארק סטעיט DOT ראיאן 1 (וואס דעקט די הויפטשטאט ראיאן), פאַלאָוט @NYSDOTAlbany.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך אויסשרייבן